זענען דאָרט געשטאַנען: דער דאָזיקער איז אײנער
70 פֿון זײ! ער אָבער האָט נאָכאַמאָל געלײקנט. און
אַביסל שפּעטער האָבן די, וואָס זענען דאָרט
געשטאַנען, ווידער געזאָגט צו פּעטרוסן: דו ביסט
זיכער אײנער פֿון זײ; וואָרום דו ביסט אויך אַ
71 גליליי. און ער האָט אָנגעהויבן צו פֿלוכן, און צו
שווערן: איך קען נישט דעם דאָזיקן מענטשן,
72 פֿון וועמען איר רעדט! און באַלד האָט אַ האָן
צום צווייטן מאָל געקרייט. און פּעטרוס האָט זיך
דערמאָנט דאָס וואָרט, ווי ישוע האָט צו אים געזאָגט:
אײדער אַ האָן וועט צווײמאָל קרייען, וועסטו
מיך דרײמאָל פֿאַרלײקענען. און ער האָט עס זיך
גענומען צום האַרצן, און זיך צעוויינט.

## קאַפּיטל פֿיפֿצן

1 און באַלד אינדערפֿרי האָבן זיך די הויפּט־כּהנים
באַראָטן מיט די זקנים און סופֿרים, און דאָס
גאַנצע סנהדרין—האָבן געבונדן ישוען, און אים
אַוועקגעפֿירט, און איבערגעגעבן צו פּילאַטוסן.
2 און פּילאַטוס האָט אים געפֿרעגט: (ישעיהו נג, ח׳)
צי ביסט דו דער קעניג פֿון די ייִדן? און ער האָט
ענטפֿערנדיק צו אים געזאָגט: דו זאָגסט עס!
3 און די הויפּט־כּהנים האָבן געבּרענגט אַ סך באַשול־
4 דיקונגען קעגן אים. און פּילאַטוס האָט אים ווידער
געפֿרעגט, אַזוי צו זאָגן: דו ענטפֿערסט גאָרנישט?
זע, וויפֿל באַשולדיקונגען זײ מאַכן קעגן דיר!
5 ישוע אָבער האָט מער גאָרנישט געענטפֿערט; אַזוי
אַז פּילאַטוס האָט זיך געוווּנדערט. (ישעיהו נג, ז׳)
6 און אויף יעדן יום טוב פֿלעגט ער זײ באַפֿרײען
7 אײן געפֿאַנגענעם, וועמען זײ האָבן באַגערט. און